# ווייסט אייערע רעכטן: סטודענטן אין NYC

סטודענטן וואס גייען אין סקולס און אוניווערסיטעטן אין ניו יארק סיטי האבן די זעלבע באשיצונגען אונטער דעם ניו יארק סיטי מענטשן רעכטן געזעץ ווי סיי ווער וואס וואוינט, ארבעט אדער באזוכט NYC.

## דיסקרימינאציע אין האוזינג, באשעפטיגונג און עפנטליכע ערטער

סטודענטן אין NYC זענען באשיצט קעגן דיסקרימינאציע אין האוזינג, ביי די ארבעט און אין עפנטליכע פלעצער, אריינרעכנענדיג אין סקול קאמפוסן. דיסקרימינאציע איז פארבאטן צוליב ראסע, רעליגיע, נאציאנאלע אפשטאם, עלטער, אימיגראציע סטאטוס, דיסאביליטי אדער אנדערע באשיצטע קאטעגאריעס אונטער דעם NYC מענטשן רעכטן געזעץ. די NYC קאמיסיע אויף מענטשן רעכטן (Commission on Human Rights) קען האלטן די וואס פארלעצן דאס פאראנטווארטליך.

## דיסקרימינירנדע באלעסטיגונג

דיסקרימינירנדע באלעסטיגונג ווערט נישט טאלערירט אין NYC. יעדער אין NYC איז פארבאטן פון באגיין דיסקרימינירנדע באלעסטיגונג, פונקט ווי יעדער איז באשיצט דערפון. דיסקרימינירנדע באלעסטיגונג רעכנט אריין **דראאונגען, איבערשרעקונג, טשעפערייען, צווינגען צו טוהן עפעס אדער געוואלדטאטן** וואס שטייען אין וועג פון א מענטשן'ס ציווילע אדער קאנסטיטוציאנאלע רעכטן און איז:

- געטריבן טיילוויז דורך דעם מענטשן'ס ראסע, גלויבונג, הויט קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, דזשענדער, דזשענדער אידענטיטעט, סעקסועלע אריענטאציע, עלטער, דיסאביליטי, סטאטוס מיט אימיגראציע אדער בירגערשאפט אדער אנדערע באשיצטע קאטעגאריע — סיי אויב דער מענטש איז באמת אזוי און סיי אויב זיי ווערן נאר באטראכט צו זיין אזוי;
- באגלייט מיט א באלדיגע דראאונג פון שאדן אדער שאדן צו א מענטש אדער פארמעגן; און
- דורכגעפירט דורך א מענטש וואס קען אידענטיפיצירט ווערן.

## באריכטעט דיסקרימינאציע און דיסקרימינירנדע באלעסטיגונג

אויב איר אדער איינער וועם איר קענט איז געדראעט געווארן אדער פיזיש געטשעפעט געווארן צוליב אייער אידענטיטעט, רופט די **NYC קאמיסיע אויף מענטשן רעכטן אויף 212-416-0197**. די קאמיסיע וועט באשטימען אויב איר האט א באערכטיגטע טענה אונטער דעם NYC מענטשן רעכטן געזעץ, און אויב יא, וועט די קאמיסיע אויספארשן אייער טענה פריי פון אפצאל.

## נאך הילפס-מיטלען

- אויב איר זענט פיזיש איבערגעפאלן געווארן צוליב אייער אידענטיטעט – אריינרעכנענדיג אייער ראסע, אפשטאם אדער רעליגיע – רופט 911.
- פארבינדט זיך מיט א פארברעכן קורבנות שטיצער ('עדוואקעיט') אייך צו העלפן זיך ספראווען מיט די עמאציאנאלע, פיזישע און פינאנציעלע שאדנס פון א פארברעך, און ווערט געוואויר איבער אנדערע אפציעס. רופט די 'אלע פארברעכנס האטליין' אויף (4357) 1-866-689-HELP פאר TDD: 866-604-5350.

Commission on Human Rights